בס"ד

# קרית ברסלב באנגלאנד

פרשת כי תשא תשפ"ד • #211 •



ווענטליכע נייעס:
**רוסישער אפאזיציע באזייטיגט אויף אייביג**

בריוו:
**דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע**

נייע רובריק:
**שיעור אין גראמען**

**מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו** פון די בארימטע **קעי-בי ביזנעס סעלושענס** פירמע טיילט מיט אינפארמאטיווע אינפארמאציע וויאזוי צו פיילן די ביכער ריכטיג, ווי אויך איבערן "טעקס רעטורן" פראצעדור.

# פון אפרים'ס טישל

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169



**7** אלץ און אלעמען
אינסטאליר א טשיף אינעם מוח


**4** צום פינטל
א טריפ מיט א אדר'דיגע בליק


**10** וועלטליכע נייעס
רוסישער אפאזיציע פירער באזייטיגט אויף אייביג


**8** געדאנקען
נישט צורייסן די משפחה


**22** פון אפרים'ס טיש
א שמועס מיט מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו


**31** נייע רובריק
שיעור אין גראמען


## זמנים Liberty
כי תשא כ"ג אדר-א תשפ"ד

הדלקת הנרות.......... 05:31
מוצאי שבת ............ 07:04
מנחה מעריב ויקהל.... 06:50

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 01 | 44°/27° | Mostly Sunny | |
| Sat 02 | 49°/37° | Partly Cloudy | |
| Sun 03 | 57°/39° | Partly Cloudy | |
| Mon 04 | 54°/43° | Showers | |
| Tue 05 | 55°/45° | Showers | |
| Wed 06 | 54°/37° | Showers | |
| Thu 07 | 53°/36° | Showers | |
| Fri 08 | 50°/32° | Showers | |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער" וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלער געזונטערהייט



## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלער געזונטערהייט

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב

רענט
קאמפיין



# מתי?
# איזה?
# איך?
# למה?
# למי?
# את מי?

דאנערשטאג פקודי

# צום פינטל



## א טריפ מיט א אדר'דיגע בליק!

קינדער מ'גיימיר היינט אויף א טשיפ...

טשיפ טשיפ... אויפשטיין... דאס זענען מיינע באליבטע פייגעלעך וואס שפארן מיך אין איינצושטעלן דעם וועקער זייגער, זיי זענען זייער פונקטליך, זומער, ווינטער, שבת, יום טוב, ערב'ס, מוצאי'ס. אלעמאל פונקט אין צייט, עס טוט זיך א גע'טשיפ'טשעריי אינדערפרי, ווי שטארק איך וואלט געוואלט פארזעצן דעם געשמאקן שלאף, מיט אזעלכע פייגעלעך און זייערע טשיפ'טשערייען, ווער דארף נאך א וועקער זייגער.

און נישט נאר זיי... פאריגע וואך איז געווען א חלוקה דא אין קרית ברסלב ביי ר' שלמה'ס בית התבשיל - איך האב געמיינט אז איך קען שוין אלע טשיפ'ס, דערוויל ווער איך געוואור אז עס איז דא אזא זאך ווי סוויעט פאטעטא טשיפס... יא זיסע קארטאפל טשיפס, ביי דיר איז עס נישט געווען קיין חידוש? ביי מיר יא!

און ווארט... איך האב אריינגע'טשיפ'ט א צענער ווען מיינע געשוויסטער האבן געקויפט פאר אונזער ערשטע ניכטע - צו די חתונה - א שיינע בלומען וואזע, עס איז שיין פון מיר אז איך בין נאך מסכים אריינצו'טשיפ'ן, מיינסט טאקע? איך טשיפ נישט אריין! איך האב געזאגט אזוי... פאר מיינע קינדער געב איך פאלשע צירינג, איז יעצט ביי די מתנה פאר די כלה וועל איך געבן א פאלשע צענער... זיי האבן געמיינט אז איך רעד פון פאלשע ציינער... שוין וואס-א חילוק...!

אבער א מינוט... הער... די נייע שאנק וואס איך האב געקויפט, איז אנגעקומען, יא צוגעטראפן מיט א... טשיפ אין די זייט, עס זעט זיך נישט צו שטארק אן, איך האב עס נישט צוריק געשיקט, איך האב אזא ספעציעלע מארקער, וואס מען קען דערמיט קאלירן דעם שאנק, די אראפגע'טשיפ'טע שטיקל, עס דערקענט זיך ממש נישט דעם קראץ.

איי... און דאס אז דער טשיפ'מאנק (וועווערקע/סקווירל בלע"ז) עסט יעדן טאג פון די גארביטש נעבן מיין הויז? נו... ווער איז דיר שולדיג... לייג דעם מיסט זעקל גראד אריין אינעם קאנע, וואס דארפסטו אריינלייגן דעם אומשולדיגן טשיפ מאנק אין א נסיון...

אפילו אין ארץ ישראל - דאכט זיך - איז דא דארט פארשידענע טשיפס - וואס עס איז נישט דא אין אמעריקע, אבער וואס זאלן מיר טון אז דער לעזער פערלמאן פון פלאצק שם רשעים ירקב, אוטש... אזא ציפ געכאפט, וואס איז דען... דער וואס האט אויסגעטראכט דעם העברעאישן שפראך, האט זיך נעבעך געבראכן קאפ ווי אזוי מען וועט ארויסשניידן פון זיין נייע שפראך, נישט דארפן זיך ארומשלעפן מיט דעם אידישן דזש (אנשטאט J) און טש (אנשטאט CH) איז ער אויפגעקומען מיט אזא אויפטרעף אז מען וועט מאכן צ'יפ אוטש... פאר CH און ג' פאר J און מלחמות על ישראל... א ביטער געלעכטער!

(נ.ב. די שטיקל האבן מיר אריינגעלייגט פשוט ווייל פאריגע וואך איז די שפעקולאציעס אריין אינעם צום פינטל טעריטאריע, לכן זענען מיר זיי נישט שולדיג געבליבן, פאר דעם קומט זיך אבער נישט קיין צ'יפ און נישט קיין ציפ)

סאוי ביי די ישראלים איז נישט דא קיין טשיפס, איז האמיר דעמאלט נישט וואס צו רעדן פון זיי דא ביים היינטיגן ארטיקל.

הימל און ערד אין... דער טשיפ!

נו! זיי האבן דאך א גערעכטע טענה, אז אילן מאסק מעג טשיפ'ן מעגן זיי דאך אויך...!

זאג וואָ'דע סטארי מיט דיר... מ'האט דיר אריינגעלייגט א טשיפ אין קאפ?

יא! פון וואנעט האסטו געוויסט? ווען פונקטליך ווייס איך טאקע נישט, צו שוין אזוי פרי ווי ביי די אונטערגעשטעלטע 9/11 אטאקע... (אה טאקע?)

אדער גאר ביי די אונטערגעשטעלטע מיזעלס אויסברוך פון 18 20

אדער ביי די אונטערגעשטעלטע קאראנא, סלעש קאוויד 19 אויסברוך.

אדער ביים נעמען די אונטערגעשטעלטע קאוויד איינשפריץ וואקסינאציע.

אדער גאר ביים גיין שטימען אין די פרעזידענטליכע וואלן פאר די צוויי אונטערגעשטעלטע קאנדידאטן.

און ווער ווייסט, אפשר גאר ווען איך האב צום ערשטע מאל געגומען פענעסילן, אדער ווען איך האב אריינגעטראטן אין א קארופטירטע פארמאסי, אדער איך בין דורכגעפארן א קארופטירטע שפיטאל.

אדער ווען איך האב געגעסן ווייסע צוקער, ווייסע מעל, ווייסע ברויט, ווייסע רייז, ווייסע קארטאפל, ווייסע קינווא, ווייסע...

אדער ווען איך האב פארגעסן און איך האב אריינגענומען אין מויל עפעס וואס איז געווארן עפראווד ביי די קארופטירטע עף. די. עי... זיי שטייען דאך אונטער די גאנצע קאראפשען, די אונטערגעשטעלטע קארופטירטע עף. די. עי. ארבעט דאך צוזאמען מיט די פארשידענע ביוראקראטישע פראקציעס אינערהאלב די קארופטירטע פאראייניגטע שטאטן, זיי גיסן אריין שווערע געלטער אין די פארמיסיוטיקעל אינדאסטריע, כדי צו שטופן זייערע קארופטירטע אדזשענדעס...

שוין א טשיפ אין קאפ אריין.

זאג דו ביסט אונטערשטעליג? דו ווייסט נישט אז אלעס איז אונטערגעשטעלט? אלעס גייט צוריק צום טשיפ! פרעג מיך איך בין געניט אין די זאכן... עס ארבעט אזוי, דער אילן מאסק האט זיך דערזען מיט א פראבלעם, איז ער אויפגעקומען מיט א טשיפ, און יעדער איינער וועט טראכטן אייניג, די ציל דערפון איז אויסצולייזיגן די וועלט... לאך נישט... עס זאל נישט בלייבן קיין מענטשן אויף די וועלט, פארוואס? וואס איז זיין חשבון? אהה! איז הער! ער טענה'ט אז די וועלט איז פול מיט פאלושן וואס דאס קען הרג'ענען דאס מענטשהייט, איז כדי צו פארמיידן מענטשן פון פריצייטיג שטארבן וועט ער מאכן אמ אמ אמ...

קוק אהער זייער גוט... זאג ווייטער, אקעי איז אזוי, סאוי עס גייט ארבעטן אזוי, עס גייען זיין פארשידענע טשיפס, אזוי ווי מיר זענען צוגעוואוינט היינט, נאך דעם וואס מענטשן האבן אריינגעברענגט די אלע טשיפס וואס מיר עסן היינט, ווי פאטעטא טשיפס, קארן טשיפ וכדומה. די חילוק איז נאר אז ווען דאס האט זיך אריינגעבראכן ביי אונז, דעמאלטס זענען נאך נישט געווען די אלע קלוגע מענטשן וואס זאלן עס פייטן, עס איז געווען עולם גולם וואס האט אלץ געגלייבט אין די סיסטעם, הגם עס זענען געווען דא דארט די פאר קלוגע וואס האבן געוויסט אז דאס גייט עווענטועל אונטערברענגען די וועלט, איז אבער נאכנישט געווען קיין האטליינ'ס ווי זיי זאלן קענען לופטערן זייער דברי חכמה.

ביז איין טאג האט אנגעהויבן אריינקומען אויף די מארקעט די שעדליכע פאטעטא טשיפס, קארן טשיפס, טשאקלעט טשיפס, און דערנאך איז עס געגאנגען א שטאפל ווייטער, עס איז געווארן א ווערייעטי, בארביקיו פאטעטא טשיפס, אניען גארליק קארן טשיפס, ווייסע טשאקלעט טשיפס, בקיצור ביי די טיים וואס מען האט זיך געכאפט איז שוין געווען צו שפעט צו פייטן, למעשה איז פאטעטא טשיפס געבליבן אין די משפחה פון די פרומע נאש... ווי פרעצל'ס פאפקארן... יא! פאטעטא טשיפס האבן זיך מיטגעכאפט מיטן וואגן, פון ערנסטע טשיפס...

איז ווי ערווענט האט זיך עס קודם אנגעהויבן מיט פשוטע טשיפס און דערנאך איז שוין געווארן דערפון פארשידענע סארטן, אזוי אויך וועט די טשיפ וואס מען לייגט אריין אין מח זיין פארשידנארטיג, ווי צום ביישפיל עס וועט זיין א חסידישע טשיפ, א ליטווישער טשיפ, א מאדערנע טשיפ, א פייוו טאונס טשיפ, א ענגלישער טשיפ, אן אויסלטראלישער, אן אראבישע טשיפ, יו נעם איט.

עס גייט זיך פארקויפן אין יעדע געגנט לויט די פארלאנג, א קליינע דוגמא, אויב וועט איינער אין פאראקאווע' האבן בעק-פייער צו זייער סיסטעם, ער גייט ווילן טראכטן אביסל אויט אף די באקס... וועט דער געשעפטסמאן רעקאמענדירן א חסידישע טשיפ פאר זיין מוח, אין ווייס-ווערסע, ווען א חסיד וועט האבן בעק-פייער צו וויליאמסבורג וועט ער קענען אריינגיין אין געשעפט און קויפן אזא טשיפ וואס וועט אים מאכן פלוצלינג גיין מיט טייטע לעכעריגע הויזן, א פינקע האנטוך, א קאפל עד כזית ועד כביצה, פארשטייט זיך אלץ געוואנדן אין וואסערע טשיפ דער געשעפטסמאן אליין האט, אזוי בערך וועט עס גיין, תן לחכם ויחכם עוד.

איז יעצט פרעגסטו וואס איז די פראבלעם, אהה! איז אזוי! דער אילן מאסק וויל דאך, זיין ענדגילטיגע ציל איז דאך צו מאכן ליידיג די וועלט.

נו שטעל דיך פאר זיבן ביליאן מענטשן וועלן פארן מיט זייער אונטערגעשטעלטע קארופטירטע טעסלע קארס צום וואסער, און זיי וועלן אויפאיינמאל צוזאמען אריינשפרינגען אין וואסער, שטעל דיך פאר 8 ביליאן מענטשן אויף איין מאל

אין וואסער, שטעל דיך פאר 8 ביליאן מענטשן אויף איין מאל טאנצן דעם ברידזש... געוואלד! אלע ימ'ים וועלן דאך איבערפליסן, עס וועט פאראורזאכן א דיזעסטער וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן, איז דארף מען כסדר זיין אויף די לאק אויט, מען דארף נישט אריינגיין אין א פאניק, אבער מען דארף זיין וואך, נישט נאכגיין בלינדערהייט די סיסטעם, כדי מען זאל זיך נישט פלוצלינג דערזען מיטן טשיפ אין קאפ, וואס קען טרעקן די מענטש פונקטליך וואו ער איז וואס ער טוט, און מאכן אז ער זאל טראכטן ווי אילן מאסק וויל מען טראכטן, אגב דאס יאר וואס מיר האבן געהאט ל' שבט איז געפאלן אום ר"ח אדר ב' דאס איז אילן (שבט איז דאך ר"ה לאילנות) מאסק (איז דאך פורים וואס יעדער גייט אין א מאסק... נישט אין א אראבישע מאסק... חוץ אויב די פארשטעלטסט זיך ווי א אראבער, שוין!)

היוצא מדברינו! וואס מען קען אלץ ארויסנעמען פון דעם, איך ווייס נישט ווי אנצוהייבן, קודם איז א וויכטיגע זאך עס זאל טאקע זיין אזא מין טשיפ, מיט פארשידענע פלעווער'ס, מיר זענען אזוי שטארק אנגעוויזן אז איינער זאל נעמען אונזערע מוחות און עס ריפראגרעמען, עס איז ביי יעדע פרט און פרט פון לעבן, מיר דארף האבן איינער וואס זאל כסדר מאכן טשיפ טשיפ, אונז האלטן אין איין אויסגראדן דעם פארקרימטן שכל, און אויב האלט איר אז איר דארפט עס נישט האבן דארפט איר עס הערשט האבן אויף א קאוד וואן.

אודאי גיי איך נישט גיין אויסרעכענען די הונדערטער טויזענטער זאכן וואס מיר האלטן אין איין טראכטן, טון, זאגן, גיין, קומען, אטו תנא כי רוכלא ליזל... איך געדענק נישט פונקטליך די לשון... אבער אונזער לעבן דרייט זיך ארום אזוי צודרייט אלעס מחמת חסרון טשיפ, א צדיק וואס איז גרייט אין אונז אריינצובראקן אין אונזער פארדרייט קעפעל, אממ... אזעלכע השגות ווי... אממ... איך ווייס וואס דו טראכסט... חתונה מאכן ביליג, זאגן משניות, רעדן צום אייבערשטן, אמת דאס זענען וויכטיגע טשיפס אריינצולייגן אין דיר, אבער דאס איז שוין נומבער צוויי, קודם מוזטו זיין ביי זיך... דו ביסטאך נישט ביי זיך, איינמאל דער ערשטער טשיפ איז אריין, און דו הייבסט אן זען: העלאו! דו ביסט דו ביסט נישט סתם א קלאץ, אוי ביסטו א שווערע בחור, עפעס גאר ערנסט איז ראנג מיט דעם בחור דא... יעצט קען מען שוין צולייגן דעם נעקסטן פלעווואר.

אבער בעיקר בעיקר דארפן מיר א געזונטער טשיפ אז מיר זאלן זיך פשוט אויפוועקן טשיפ טשיפ וועיק אפ, מיר לעבן קוים קוים פאר די פאר יאר, און מיר זענען ביזי מיט הבל הבלים, אבער אז מען וועט זיין וואך וועט זיין וממילא יבין, מען וועט אנהייבן טראכטן כרחוק מזרח ממערב, וואס האט ביז היינט אויסגעזען ווי שווארץ וועט זיין ווייס, און וואס האט ביז היינט אויסגעזען ווייס וועלן מיר טראכטן למאי נפקא מינא זאל עס זיין שווארץ ווייס גרין רויט, דער עיקר איז א ווארט איין ווארט, א'ייבערשטער ב'אשעפער ג'אט ד'ו און נאר דו קענסט מיך העלפן איך בין דאך אזוי - לאמיך מיך דערמאנען דער זיסער לשון וואס דער ראש ישיבה האט גענוצט ביים שיעור - צעיוטשקעט און איך בין אזוי אליין, קיינער, קיינער קען מיך באמת נישט פארשטיין, אייבערשטער לייג שוין אריין א טשיפ אין מיין מח אז איך זאל שוין טראכטן פון דיר, איך זאל שוין טראכטן פון די וועלט אז דאס איז א מאווי א שפיל וואס ענדיגט זיך זייער שנעל און איך זאל נישט בלייבן סטאק אויף הבל הבלים נאר איך זאל טון און טון ווילאנג מען לאזט מיך נאך.

זיי געזונט איך גיי מיר אריינלייגן א טשיפ!

א מינוט א מינוט פאוואליע, דער ראש ישיבה האט געשמועסט ביים שיעור זייער שיינע זאכן פונעם טשיפ, קודם כל פארוואס טראכסטו אז ער גייט מאכן מען זאל טאנצן די בריק, אפשר וועט ער מאכן אז די אלע וואס ווילן קאמיטן סואיסייד זאלן עס נישט טון, די זעלבע זאך איז, א מענטש וועט אייביג טראכטן יוא! איך גיי אפשר שטראבן, איך גיי קראנק ווערן, עפעס גייט געשען מיט מיר, פארוואס זאלסטו אזוי טראכטן, טראכט פארקערט אפשר גיי איך נישט קראנק ווערן, אפשר גייט אלעס זיין גוט, ס'שווער! הע? נו ווער לאזט דיך נישט נעמען א טשיפ, א שיעור, א סידי, א גליון, א יו עס בי, א קארטל, א נומבער, וואס זאל דיר אויסגראדן.

און וואס נאך? יא! אודאי ס'איז אלעס אונטערגעשטעלט, די כאפסט אז עריע 52, די יו עף או'ס, די וואקסענציע, די אויסגאנג פון די וואלן, די פעיק ניוז סמאטאכע, די קאוויד, די וואקסענאציע, די גלויבאלע אנווארעמונג, די רויך פון קאנאדא, די געקראכטע באלאן פון כינע, די מלחמה אין אוקריינא, די מלחמה פון ישראל אין גאזא'ס טריפ... זאג די נעמסט מיך אויף א טריפ... אדער די טריפסט סתם אזוי אויף מיר, ניין הוא אשר דיברתי דו ביסט אונטערשטעליג, יא עס איז טאקע אונטערגעשטעלט, אבער פון ווענען עס איז אונטער געשטעלט, דער אייבערשטער האט עס אונטערגעשטעלט און... וואס איז זיין פלאן? עס גייט ווערן אויס וועלט? עס גייט זיין א... ניין שפעלע, ער שטעלט עס אונטער, ווייל ער וויל דו זאלסט זיך וויסענדיג מאכן פון אים, נו! קוק שוין אויף מיר, רעד שוין צו מיר, טראכט שוין פון מיר, קענסט אפשר זאגן איין ווארט, טאטע איך וויל זיין א איד, טאטע איך וויל טראכטן פון דיר טאטע איך בין נישט געזונט הייל מיך אויס, יא! פאר דעם האט ער אונטערגעשלטעלט די אלע זאכן פאר דיר.

גרשון קרעמער



# ניורא לינק פירמע אינסטאלירט ערשטמאליג א טשיפ אין א מענטשליכע מוח

שאלה: לעצטנס הערט מען אז א פירמע מיטן נאמען "ניוראלינק" האט ערפינדן א נייע טשיפ וואס מען קען אריינלייגן אינעם מח, און עס האלט שוין ביי דעם אז מען האט דאס שוין למעשה אריינגעלייגט אין א מענטש, איך וואלט געוואלט מער פארשטיין וואס עס ליגט אינטער דעם, און וויאזוי׳ דאס גייט ארבעטן.

א גרויסן שכח פאר די הערליכע קלארע און תוכן'דיגע באשרייבונגען. חזק ואמץ.

* * *

ענטפער: די וועלט איז אויף מיט די דורכברוך וואס די "ניוראלינק" פירמע האט לעצטענס דורכגעפירט. די פירמע ארבעט שוין דערויף פאר די לעצטע אכט יאר, מיטן ציל צו פארבינדן די מח פון א מענטש צו א פיצעלע טשיפ, וואס זאל קענען ארויסהעלפן מענטשן וואס זענען לא עלינו פאראליזירט, און זאלן דערמיט קענען שיקן מיטן מח א מעסעדזש צו א קאמפיוטער אן דעם וואס מען זאל דארפן נוצן די אויגן, הענט אדער מויל.

לויט באריכטן איז דער ערשטער טעסט געווען סוקסעספול און דער ערשטער מענטש וואס האט דאס באקומען מיט א חודש צוריק ערהוילט זיך פיין, דער מאשין וואס הייסט "די לינק" ארבעט גוט, און דער פאציענט וואס איז פאראלאזירט לא עלינו קען דערמיט לאזן וויסן וואס ער וויל.

דער אמת איז אז מיר אלע האבן דעם טשיפ שוין לאנג אין אונזער מח, דער טשיפ איז די נשמה, די חלק אלוקי ממעל וואס פארבינדט אונזער נשמה צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער ווארט מיר זאלן אים זאגן וואס מיר ווילן, דער אייבערשטער וויל מיר זאלן נוצן אונזער מויל אויסצודרוקן אונזער אמת'ע רצון, ער ווארט מיר זאלן אים זאגן "באשעפער, איך וויל יא זיין גוט, קוק נישט אויף מיין יצר הרע, דאס איז נישט איך, איך וויל נאר טון דיין רצון, באשעפער ראטעווע מיך, העלף מיך, שלעפ מיר ארויס פון מיין פלאנטער."

דאס איז א "לינק" וואס פאררעכט אלעס וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט צו פארשטעלן, ער וויל אונז מאכן פאראליזירט, מיר זאלן נישט טראכטן אז מיר האבן נאך עפעס א פארבינדונג מיטן אייבערשטן. פרוביר נאר איינמאל אויס די טעם פון גיין אין א זייט, אין א פלאץ ווי קיינער איז נישט דארט, און עפען דיין הארץ צום אייבערשטן. וועסט ארויסגיין א נייע מענטש.

מען זעט פון דעם טשיפ גאר א שטארקע זאך, אז דער עיקר איז די ווילן, דאס הייסט אז דער מענטש וואס איז פאראליזירט קען נישט באמת ריקן זיין הענט און פיס, אבער זיין מח קען ארויסשיקן סיגנאלן, און דאס קען דער טשיפ אויפכאפן, און עס טוט למעשה אויף צו קענען זיך פארבינדן מיטן פאראליזירטן מענטש, און פארשטיין וואס ער וויל.

די רצון פון א מענטש איז גאר א שטארקע זאך, אסאך מער פון וואס א מענטש פארשטייט, אפילו דו ביזט נאכנישט אנגעקומען צו גיין דאווענען, נאר דו ווילסט גיין דאווענען, דרייט זיך שוין איבער אלע וועלטן, דו ווילסט נאר גיין אין מקוה ווערט שוין א רעש אויבן, דו האסט א רצון זיך צו היטן די אויגן, ווערט פון דעם גאצעטע זאכן.

געב נישט אויף דיין גוטע רצון.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

**רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם**

# געדאנקען



# נישט צורייסן די משפחה

ווער געדענקט עס?

וועלכע יאר איז עס געווען?

ווער געדענקט ווי מוהרא"ש האט פורים ביינאכט זיך אראפ געלייגט אויפ'ן פלאר און געבעטן דעם אייבערשטן?

ס'איז געווען שפעט ביינאכט, דער גאנצער עולם האט געטאנצן אזוי ברודערליך, אזוי ליבליך, ס'איז געווען א שפאר ביסל שיכורים, די שמחה איז געווען עד לב השמים.

פלוצלונג, מוהרא"ש שטעלט זיך אויף און הייבט אן טאנצן מיט התלהבות. און פלוצלונג, מוהרא"ש געבט זיך א לייג אראפ אויפ'ן פלאר, רעדט צום אייבערשטן, און הייבט זיך אויף. אפאר מינוט שפעטער נאכאמאל און נאכאמאל, בערך א שעה צייט אזוי, פון עלף ביז צוועלף אזייגער. איך האב אין מיין לעבן נישט געזען אזא זאך. איך וועל דאס קיינמאל נישט פארגעסן.

מוהרא"ש ברענגט עס אויך עטליכע מאל אין אשר בנחל, די זאך פון זיך אראפלייגן און בעטן דעם אייבערשטן.

אין די ענין פון תפלה איז דא אסאך ערליי וועגן.



עס ווערט געברענגט אין מדרש רבה, פרשת ואתחנן, צען לשונות של תפלה (שועה. צעקה. נאקה. רנה. פגיעה. ביצור. קריאה. ניפול. ופילול. ותחנונים).

מ'קען עס אביסל מפרש זיין עס זאל זיין גרינג צו פארשטיין. מ'קען זאגן ס'איז אביסל דומה צו די וועג ווי מענטשן רעדן. אויב מ'שרייט "הצלה" אז איינער האט זיך צושניטן און ס'גיסט בלוט, נוצט מען א אנדערע וועג פון רעדן, ווי ווען מ'רופט די מאמע'ן זאגן א גוט שבת. און ווען א פאנדררעיזער קלאפט אויפ'ן בימה נאך עלינו אז זיין צוועק איז די גרעסטע צוועק איבער אלע צוועקן, נוצט ער א אנדערע וועג פון רעדן ווי ווען דער שעמעדיגער אינגעלע זאגט די טעלעפאון נאמבער ביים אויפשרייבן אין גראסערי.

די פוינט איז אז דער מדרש לערנט אויס א מענטש אז ס'איז דא צען וועגן פון רעדן (יתכן אז דער מדרש מיינט עס צו זאגן באופן כללי, און ס'איז דא נאך אסאך וועגן וואס זענען דומה צו די צען וועגן)

אויב דו דארפסט פלעין א שענערע קאר בעט מען דעם אייבערשטן באופן פשוט, מ'זאגט זיך אפ די תפלה און מ'גייט זיך ווייטער. אבער אויב ס'פעלט אויף רענט, און ס'איז שוין אנגעזאמלט איבער דריי חדשים שולדיג פאר'ן לענדלארד, דעמאלטס זאגט מען נישט די תפלות אזוי זיס און צוקערדיג, דעמאלטס שרררררייט מען!!!! ראטעוועט!!! ר-א-ט-ע-וו-ע!! איך האאאאלט נישט אויסססססס!! ב-א-ש-ע-פ-ע-ר ה-ע-ל-ף!!! Help! Help! Help!.

אבער די רענט איז נאך די קליינע פרשה! אויב מ'היט זיך נישט די אויגן אויפ'ן גאס, רחמנא ליצלן, אדער נישט געדאווענט מיט מנין עטליכע טעג, אדער נישט געעפנט א גמרא עטליכע חדשים, דעמאלטס איז שוין גאר גאר גאר ביטער!

האסט שוין אמאל געזען א קליין קינד זיך אראפוווארפן און האקן די קאפ אויפ'ן פלאר? פארוואס טוט ער עס? ווייל ביי אים איז אזוי ביטער צו גיין יעצט שלאפן אזוי ווי ס'איז ביטער פאר זיין טאטן ווען ס'איז נישט דא קיין פעני פאר רענט.

א מענטש דארף זיין רעאליסטיש ווען ס'קומט צו רעדן צום אייבערשטן. א מענטש דארף "ארויפדרייען" די קאך און פלאם פון זיינע תפלות וועדליג ווי ביטער איז די פאסטקע אין וואס ער איז יעצט אריינגעפאלן.

דער אייבערשטער וויל נישט מ'זאל אים לאזן מנוחה, דער אייבערשטער וויל מ'זאל אים מוטשען, און ווי ערנסטער די מצב איז, אלץ וויכטיגער איז צו מוטשען און פעיגערן.

ס'האט אויך לויט די מצב און די צייט, אז ס'איז פורים נאכמיטאג און איך קען זיך ארפווארפן ווי א קרענקי בעיבי וואס לאזט נישט מנוחה, פארוואס נישט? איך וועל נאר פארדינען.

**איך האב גענומען די מעשה פון מוהרא"ש'ס זיך אראפלייגן אויפ'ן פלאר און געמאכט מטעמים פון דעם אינדערהיים.**

כ'בין נישט זיכער, אבער ס'קען זיין אז מוהרא"ש האט עס געטון נישט נאר פורים, אבער נאר בינו לבין עצמו, ווייל מענטשן האבן נעבעך נישט קיין השגה צו פארשטיין אז א צדיק מוטשעט דעם אייבערשטן פון צופרי ביז ביינאכט, מענטשן קענען נאך מיינען אז ס'איז פאני אדער יאנטשי (ביי מענטשן איז נישט יאנטשי צו ליינען פוסטע צייטונגען, אדער זיך טענה'ן מיט די ווייב טאג און נעכט, נאר וואס א צדיק טוט, דאס קוקט מען אן פאני און יאנטשי).

איך האב גענומען די מעשה פון מוהרא"ש'ס זיך אראפלייגן אויפ'ן פלאר און געמאכט מטעמים פון דעם אינדערהיים.

ביי אונז טוט מען דאך די ברסלב'ע מנהג פון דערציילן מעשיות פון צדיקים פאר די קינדער.

נישט נאר מ'דערציילט מעשיות סתם אזוי, נאר יעדן שבת, ביי די שאבאטאן (מיר האבן יעדן שבת א שאבאטאן דא ביי אונז אין דיינונג רום, מ'געבט אכטונג מ'זאל נישט צורייסן די משפחה, מ'רעדט שיין איינער צום צווייטן, מ'באדאנקט זיך, קיינער קומט מיר גארנישט, מיר רופן עס א דאנק-שאבאטאן, אדער



אין קורצן, א דאנקאטאן) רופט מען אראפ א "פראפעשענעל-סטאריטעלער" וואס דערציילט מעשיות פון רבי ר' אלימלך זי"ע און צאנזער רב זי"ע.

אין ארדער אז די קינדער זאלן נישט באמוטשען די טאטעס ביי אונזער שאבאטאן (דאנקאטאן......), רופט מען די קינדער נענטער צו די סטאריטעלער (איר קענט אונזער סטאריטעלער? ער שרייבט אסאך אין די ברסלב'ע בלעטל) דורכ'ן אויפהייבן הויך די בילד פון רבי עקיבא און די רויבער, מ'הייבט אן אינמיטן, "און די לייב האט אויפגעגעסן די אייזל", די קינדער קומען לויפנדיג צו געבן א קוק ווי דער לייב עסט אויף דעם אייזל. נאכדעם, ווען די קינדער זענען שוין לעבן די סטאריטעלער, הייבט מען שיין אן די מעשה פון אנהייב.

ווען די קינדער לויפן נאכאמאל אוועק פון טיש הייבט מען אן מיט א אנדערע וועג, ווער קען זאגן א נאמען פון א צדיק? ווער קען זאגן א שטאט וואס א צדיק האט דארט געוואוינט? ווער האט שוין אמאל גע'חלומ'ט פון א צדיק? (שוין צען מינוט וואס די קינדער זענען רואיג! ס'ארבעט!)

יעצט דארף שוין דער סטאריטעלער א ברעיק, ווייל באלד וועט דער סעלמאן פיש וויינען פארוואס דער סטאריטעלער עסט אים נישט אויף מיט חומוס און טחינה (כריין לאז איך פאר די וואס דרייוון נאך א סטעישן וועיגן, און ספייסי מעיא לאז איך פאר די וואס עסן לעדערנע הארטע דזשערקי ווייל אז נישט וועט זיין חבר לאכן פון אים).

איין נאכט, ביים פארציילן מעשיות פאר די קינדער אין בעט (מיין נישט אז ס'נעמט א האלבע שעה, ניין, ס'נעמט אונטער פינעף מינוט!) האב איך משלב געווען די מעשה פון מוהרא"ש אום פורים, מיט די מעשה וואס מ'דערציילט אז דער טאטע פון רש"י הקדוש האט אויסגעקערט די שול, און ווען ער איז געקומען נאנט צום ארון הקודש, האט ער אויסגעקערט מיט זיין בארד.



דער ראש ישיבה זאגט דאך אז מ'מאכט זיך נאריש מיט די קינדער.......

ווען איך האב עס געהערט אלץ קינד איז עס געווען א וואונדערליכע מעשה, אבער כ'האב נישט זוכה געווען אז איינער זאל מיר מסביר זיין וואס איך קען ארויסנעמען פון די מעשה.

ביז איך האב געטראפן דעם גרויסן צדיק און חכם נפלא מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, וואס האט אראפגעלייגט א הנחה, אז יעדע זאך פון די תורה איז פאר "מיר" און "איך" קען עפעס ארויסנעמען פון דעם.

האב איך דערציילט פאר די קינדער די מעשה פון רש"י'ס טאטע, און כ'האב צוגעלייגט אז ס'קען זיין אזוי, ער האט אויסגעקערט די שול, און גערעדט צום אייבערשטן, און ווען ס'איז געקומען נעבן די ארון קודש, האט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן מיט זיינע הארציגע תפלות, ער האט געלייגט די בעזעם אין א זייט, זיך אראפגעווארפן מיט א געוויין צום אייבערשטן אז ער וויל אויך זיין א צדיק, און אזוי האט ער געוויינט און געוויינט צום אייבערשטן, און אינמיטן וויינען האט ער זיך געריטשקעט אהין און אהער ביז זיין בארד האט אויסגעקערט די פלאץ נעבן די ארון קודש.

איך פרעג די קינדער, זאל איך ענק ווייזן ווי אזוי מ'לייגט זיך אראפ אויפ'ן פלאר? זאל איך ענק ווייזן וואס מוהרא"ש האט געטון יענע פורים? (דער ראש ישיבה זאגט דאך אז מ'מאכט זיך נאריש מיט די קינדער....... זאל שוין זיין מיט א מעשה פון רש"י'ס טאטע און פון מוהרא"ש......)

די מעשה פון רבי עקיבא און די רויבער געב איך אכטונג ס'זאל נישט זיין צו שטארק אויף די שרעקעדיגע זייט.

דאס איז א טעות וואס מ'זעט אמאל ביי טייל מחנכים, ווען ס'קומט צו די לייב מיט די ג-ר-י-צ-ל-ד-י-ג-ע ציין הייבט ער אן קראצן די רויע נערוון פון די יונגע אומשולדיגע שעפעלעך, צו וואס?! פארוואס פעלט דאס אויס?!! לאז דעם גריצלדיגן לייב גיין זיין וועג און מאך א שמועס פון רבי עקיבא, ווי ער רעדט צום אייבערשטן, שכח אייבערשטער אז דו האסט מיך געלאזט לעבן! הייליגער באשעפער העלף אונז זאל מיר רעדן צו דיר אזוי ווי רבי עקיבא, אזוי ווי רש"י'ס טאטע, אזוי ווי מוהרא"ש, און אזוי ווי אלע צדיקים.

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## רוסישער אפאזיציע פירער באזייטיגט געווארן פאר אייביג

אלעקסיי נעוואלני האט זיך שטארק באקאנט געמאכט אין די לעצטע יארן זייענדיג איינער וואס האט געוואגט זיך קעגן צו שטעלן דעם רוסישן פרעזידענט ווילאדימיר פוטין, לויפענדיג אין די וואלן פאר פרעזידענט אין יאר 2018 למספרם.

זייענדיג א כאריזמאטישער מענטש מיט שאנסן צו טשאלאנדזשען פוטין, האבן די רוסישע באאמטע אנגעהויבן צו לייגן אומגעהויערע שטרויכלונגען קעגן אים, מען האט אים גע'רודפ'ט אין געריכט און באשולדיגט מיט אלע סארטן קלאגעס. זייענדיג אויף א פליגער פון טאמסק קיין מאסקווע אין יאר 2020 למספרם איז ער אוועקגעפאלן, וואס האט זיך דערנאך ארויסגעשטעלט צו זיין א מארד פרואוו פון די רוסישע עף עס בי (אזוי ווי די עף בי איי אין אמעריקע) אגענטן.

נעוואלני האט זיך ערהוילט אין א דייטשע שפיטאל, און טראץ עס איז געווען קלאר אז פוטין וויל אים ערלעדיגן, איז ער צוריק געפארן קיין רוסלאנד אינעם לייבן גרוב, פאר אביסל כבוד.

דא האבן מיר אביישפיל ווי כבוד האט פאקטיש גע'הרג'עט א מענטש. אבער אפילו מען האלט נישט ביים ווערן פיזיש גע'הרג'עט, ווערט א מענטש אבער הרג'ענען זיין לעבן פאר אביסל כבוד. פאר פופצן מינוט וואס מענטשן וועלן שמועסן "וואו האט דיין חתן געלערנט?", קען ער באשטיין צו נעמען א בחור וואס וועט רודפ'ן זיין טאכטער איר גאנץ לעבן רחמנא לצלן, בלויז ווייל ער זאל קענען עטפערן "מיין חתן האט געלערנט אין יענע ישיבה".

אזוי אויך ווען א מענטש פאלט אריין אין קנאה ער רעדט זיך איין אז יענעם גייט בעסער, ער פארגעסט אז דער אייבערשטער געט סיי פאר אים און סיי פאר יענעם פונקטליך אזוי ווי עס דארף צו זיין, עסט מען זיך אויף לעבעדיגערהייט, און עס נעמט ארויס א מענטש פון זיין לעבן. אפילו אויב מען טוט אים נישט אן קיין תכריכים, גייט ער ארום ווי א לעבעדיגער מת מיט א הוט און רעקל, ער עסט זיך דאס געזונט פארוואס יעדעם גייט גוט, און נאר אים איז שלעכט.

די זעלבע זאך מיט תאוה, פאר א הנאה פון פופצן מינוט קען א מענטש פארלירן סיי די וועלט און סיי יענע וועלט, און דאך פאלן נעבעך מענטש אריין אין דעם פאסטקע.

דערפאר דארפן מיר בעטן דעם אייבערשטן "נעם ארויס פון מיר די קנאה תאוה און כבוד", ראטעווע מיך פונעם נעץ אין וואס דער סמ"ך מ"ם וויל מיר אריינשלעפן." דאס איז די איינציגסטע עצה צו געראטעוועט ווערן דערפון.

**והבוטח בה' חסד יסובבנו**



# מעשיות פון תפילה

### א.ז.וו. - לינדען:

אנקומענדיג נאנט צום נייעם חודש למספרם, האב איך געזען אז עס פעלט מיר נאך בערך טויזנט דאלער אין מיין אקאונט צו קענען דעקן די חודש מארגעדזש.

"הייליגער באשעפער, פון וואו נעם איך יעצט געלט? מיין פעיראל געלט האב איך שוין געניצט פאר אנדערע וויכטיגע געברויכן, איך דארף נאך בערך טויזנט דאלער, הייליגער באשעפער דו האסט דיינע וועגן ווי אזוי צו שיקן די געלט, העלף מיר איך זאל עס באקומען"!

דעם נעקסטן טאג באקום איך א Quickpay פון טויזנט דאלער פון א איד, פאר א דאנק אז מיין ווייב האט אריינגענומען זיין אייניקל פאר א וואך, ווייל זיין שניר - א חבר'טע פון מיין ווייב - האט לא עלינו פארלוירן איר טאטע און איז געזעצן שבעה.

דעם נעקסטן טאג גיי איך צו א חתונה פון א באקאנטער, טרעפט מיר א חבר און דערלאנגט מיר $250 אלץ הכרת הטוב פארן אים אנטראגן שידוכים פאר זיין זוהן (ער איז שוין לאנג געווען א חתן ברוך השם).

דעם נעקסטן טאג באקום איך א טעלעפאן קאל פון א חבר, אז זיין משפחה מאכט א שבת התוועדות אין עפעס א זאל אין מיין געגנט, און ער בעט צו איך קען אריבערקומען שבת ביינאכט פארציילן מעשיות און האלטן די קינדער געשפאנט פאר א שעה פאר $500... איך האב עס אנגענומען (נאכן דורכטון די הלכה פון שכר שבת) און עס איז געווען געוואלדיג ברוך השם.

יישר כח אויבערשטער אז מיר האבן באקומען די מתנה פון בעטן דעם אויבערשטן מיט א תמימות!

### שלמה זאלדאן - בני ברק:

1) איך בעט שוין זייער א לאנגע צייט פונעם אייבערשטן אז איך וויל לייגן רבינו תם תפילין, שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפילות האב איך געהאט די זכי' צו קויפן תפילין פון א סופר א ירא שמים פון אנשי שלומינו.

2) איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל שוין קויפן א טיקעט קיין אומאן ראש השנה תשפ"ה.

שכח אייבערשטער איך האב געקענט קויפן א טיקעט אן חובות און נאכדערצו מיט א גרופע פון אנשי שלומינו.

שכח אייבערשטער

### נח הערש ווייס - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט פאררעכטן מיין קאר נאכן דורכגיין א עקסידענט, איך האב נישט געוואלט איך זאל דארפן באצאלן די קאסטן, נאר די אינשורענס זאל עס אינגאנצן באצאלן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די אינשורענס פירמע זאל עס קאווערן און זיי זאלן עס אינגאנצן באצאלן, עס זאל גארנישט קאסטן פון מיין טאש.

שכח אייבערשטער אז נאך א שטיק צייט האבן זיי מיר געמאלדן אז זיי גייען עס באצאלן.

שכח אייבערשטער

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט״א



**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, יוֹמָא דְהִילוּלָא שֶׁל הרה״ק רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶענְסְק זי״ע, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס גֶעפַאלְט הַיינְט דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ צַדִּיק אִיז; אַ צַדִּיק אִיז בַּיי זִיךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְס הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, הָאט אִים דֶער בַּעַל הַקְרֶעטְשְׁמֶע גֶעוִויזְן אַז עֶר הַאלְט דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוּנְטֶערְן טִישׁ. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד אוּן עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר מִיטְן דָאס אוּנְטֶערְלֵייגְן אוּנְטֶערְן פִּיסְל פוּנֶעם טִישׁ. וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא צִי עֶר וֵוייסְט וֶוער דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: “יָא, אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶר אִיז”, הָאט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס פַארְצֵיילְן פוּן אִים, הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע גֶעזָאגְט: “אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, **וֶוען דוּ זָאלְסְט וֶוען נֶעמֶען דֶעם בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר אוּן אִים אַלֵיינְס לֵייגְן אוּנְטֶערְן טִישׁ, וָואלְט עֶר גֶעשְׁוִויגְן אַזוֹי וִוי דֶער סֵפֶר שְׁוַוייגְט, פוּן גְרוֹיס עֲנָוָה”.**

מוֹהֲרַ״אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל פַאר אַ קִינְד, פְלֶעגְט עֶר מִיט נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוּנְטֶער צוּ לֵייגְן אוּנְטֶער אִיר קָאפּ; כַּיָּדוּעַ אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ חוֹלֶה אוּן פַאר אַ יוֹלֶדֶת אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם. אֵיינְמָאל הָאט דִי רֶעבֶּעצִין גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָ״אשׁ פַארְוָואס עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן? הָאט אִיר מוֹהֲרָ״אשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: “לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן הָאבּ אִיךְ אִין מִיר, **אַז מֶען וֶועט מִיר אוֹיף שְׁנַיידְן וֶועט נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּלוּט, נָאר עֶס וֶועט אַרוֹיס רִינֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן**”; פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, אַז מוֹהֲרָ״אשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אַזוֹי סַאךְ מָאל אַז עֶר הָאט עֶס גֶעהַאט אִין דִי בְּלוּט; מֶען הָאט גֶעזֶען בְּחוּשׁ וִוי לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן לִיגְט אִים אִין דִי בְּלוּט, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁנִיטְן מוֹהֲרָ״אשׁ פְלֶעגְט נָאר רִינֶען פוּן מוֹהֲרָ״אשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּרִיוו, שִׁיעוּר, תּוֹרָה, שְׁמוּעֶס, אָן דֶערְמַאנֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, יֶעדֶע פָּאר וֶוערְטֶער אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָ״אשְׁ׳ס מוֹיל: “דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן”. צְוֵוייטְנְס, אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי, אִיךְ אָטֶעם דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן מַיין לֶעבְּן פַאר דֶעם רֶבִּי׳ן, דָאךְ נֶעם אִיךְ דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַאר אַ סְגוּלָה אוּן פַאר אַ שְׁמִירָה.

מוֹהֲרָ״אשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע: “וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל זֶען בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים; מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פוּן אִיבֶּערָאל נֶעמֶען בְּרָכוֹת אוּן דוּ וואוּנְטְשְׁט זֵיי אָן בְּרָכוֹת פַאר שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט אוּן פַאר קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מַאכְסְטוּ דָאס?” הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: “אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, **זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּאסִירְן דִי גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים”.**

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, וִוי זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וַוייל **אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יְשׁוּעוֹת בְּכָל עִנְיָנִים.**

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט״א



## דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו

**דער ראש ישיבה האט געזאגט:** דער רבי האט זייער אויסגעליבט דעם הייליגן רבי אלימלך פון ליזענסק. אזוי ווי רבי נתן דערציילט (חיי מוהר״ן, שם): “וְכֵן כְּשֶׁרָאָה אֶת הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ”, ווען דער הייליגער רבי האט געזען דעם הייליגן ספר ׳נועם אלימלך׳, “הִתְפַּלֵּא מְאֹד”, האט זיך דער רבי זייער פארוואונדערט אויף די הייליגקייט פונעם ספר, “וְאָמַר שֶׁקְּדֻשַּׁת מַעֲלַת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נִשְׂגָּבָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה מִמַּה שֶּׁנִּרְאֶה וּמוּבָן מִתּוֹךְ סִפְרוֹ הַנַּ״ל”, און דער רבי האט געזאגט: דער ספר איז זייער הייליג, אבער דער צדיק - דער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו - איז נאך אסאך גרעסער פון דעם ספר.

אויך האט מוהרא״ש מקובל פון ברסלב׳ער חסידים אז איינער פון די אכט זקנים וואס האבן געדענקט וואס האט זיך געטון מיט זיי איידער זיי זענען געבוירן געווארן (די מעשה פון די זיבן בעטלערס, די ערשטע טאג), איינע פון זיי איז דער הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק, וואס רבי נתן איז מסביר (לקוטי הלכות תפילין, הלכה ה) וואס זיי זענען אנטקעגן די אכט פרשיות פון תפילין.

אלע יארן פלעגן ברסלב׳ער חסידים פארן קיין ליזענסק צום ציון פון הייליגן רבי אלימלך. מען קען זען אין די אלטע צייטונגען פון פארן קריג ווי זיי באשרייבן: “די אומאנער חסידים קומען גאר אסאך קיין ליזענסק”; נישט נאר קיין ליזענסק, צו אלע קברי צדיקים זענען אנשי שלומינו געפארן, אלע יארן ווען עס איז נישט געווען אזא געפארעכץ צו קברי צדיקים, זענען אבער אנשי שלומינו געפארן.

לערן דעם רבינ׳ס ספרים - וועסטו זען ווי שטארק באליבט דער הייליגער רבי איז געווען ביי די צדיקים, און אלע לשון הרע׳ס וואס איז דא אויפן רבי׳ן - איז נאר פון איין בעל מחלוקות, וואס ער האט געמאכט די גאנצע מחלוקות און פון דעם ליידן מיר און מען פארשעמט אונז.



# א מעשה
## פון א צדיק

## לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִין דִי שְׁטָאט הִיבְנוּב, צְוֵויי שְׁנַיידֶערְס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן דִי מַחֲלֹקֶת אִיז גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער בִּיז אֵיין שְׁנַיידֶער הָאט גֶע'הַרְגִ'ט דֶעם צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער. פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דוּרְךְ גֶעפָארְן אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט.

וֶוען עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפָארְן דִי שְׁטָאט רַאוֶוע הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעלָאפְן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם צוּ נֶעמֶען שָׁלוֹם פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, הָאט דֶער בֶּעלְזֶער רָב גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֶעבְּן שָׁלוֹם פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט הִיבְנוּב, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אִים; דֶער עוֹלָם, הֶערְנְדִיג דָאס, הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת: 'וָואס זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג, אִישׁ אֶחָד יֶחֱטָא וְעַל כָּל הָעֵדָה תִּקְצוֹף? אַז אַ שְׁנַיידֶער הָאט גֶעוָוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן שְׁנַיידֶער אוּן אִים גֶע'הַרְגִ'ט, וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז?'

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זי"ע גֶעזָאגְט: "וֶוען חֲסִידִים שְׁטֶעכְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיטְ'ן מוֹיל דֶעמָאלְט קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז אַ שְׁנַיידֶער זָאל וַוארְפְן אַ מֶעסֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן"; **מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה:** "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע; נוּצְט נִישְׁט דֶעם מוֹיל צוּ וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן, נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ : "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן", דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען בַּיי אוּנְז גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".


הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא, זי"ע

(עצתו אמונה - א' ויגש, ב' ר"ח טבת, ז' דחנוכה, תש"פ)



# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |



## - ס"ח -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן אִיז וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק.

* * *

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם קְרַאנְקֶען, "זָאג וָואס דוּ וֵוייסְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט, אוּן אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ", דָאס הֵייסְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. עֶר הָאט אִים דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, יֶענֶער הָאט אָבֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מִתְוַודֶה זַיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייֶען, "אוֹי, אוֹי, אוֹי וֵויי" צוּלִיבּ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים אוֹיף זַיינֶע גְלִידֶער, עֶר הָאט בִּיטֶערְלִיךְ גֶעשְׁרִיגְן בַּאזוּנְדֶער אוֹיף דִי וֵוייטָאג פוּן יֶעדֶע אֵיבֶר, וַוייל סְ'הָאבְּן זִיךְ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער פוּן אַלֶע אֵיבָרִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אַ שְׁטִיק צַייט, בִּיז עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן. אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט.

נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אָנֹכִי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד'), וָואס דָארְט רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן ווִידוּי דְבָרִים פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט דִי וֶועלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן מִיט דֶעם צוּנָאמֶען, "דִי וִידוּי'נִיקֶעס".

דֶעמָאלְט, נָאךְ שָׁבוּעוֹת, אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, דֶער צַדִיק ר' יִצְחָק. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֻשְׁלָם אִין אַלֶע מַעֲלוֹת, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא פוּן הַאנִיפָּאלִי זי"ע, דֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע. אוּן פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת אִיז ר' יִצְחָק צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט, "צוּ וֶועלְכְן צַדִיק זָאל אִיךְ גֵיין נָאכְדֶעם וָואס אִיר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט?", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "צוּ דֶעם צַדִיק וָואס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין וִידוּי דְבָרִים, דָאס הֵייסְט אַז עֶר וֶועט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין פַאר אִים, אוּן עֶר וֶועט זֵיי גֶעבְּן תִּיקוּנִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ".

פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַזַא צַדִיק וָואס הֵייסְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַאר אִים, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

אַזוֹי וִוי זַיין שְׁוֶוער, דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דָבוּק אוּן מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט, דֶערְפַאר פְלֶעגְט עֶר אַלְץ מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ בֶּעטְן זַיין אֵיידֶעם צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט. וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מְ'רוּפְט דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן מִיטְ'ן שְׁפֶּעט נָאמֶען "דִי וִידוּי'נִיקֶעס", הָאט עֶר זִיךְ דַאן דֶערְמַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא הָאט אִים בַּאפוֹילְן עֶר זָאל גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וואוּ מְ'מַאכְט וִידוּי דְבָרִים, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַלֵיין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.



עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ מִיט טְרֶערְן אוֹיף דִי בַּאקְן פוּן דִי וִידוּי דְבָרִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן. אוּן עֶר אִיז דֶערְוַוייל אַרַיין אִין שׁוּל אוּן דָארְט גֶעוַוארְט.

סְ'אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין שׁוּל אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעווּינְקֶען פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְצוּגֵיין. יֶעדֶער הָאט אוֹיסְגֶעטוּן דִי טַלִית אוּן תְּפִלִּין אוּן אִיז אַרוֹיס, ר' יִצְחָק הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי קְלַאמְקֶע אוּן פַארְשְׁפַּארְט דִי טִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל נָאר דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# לעבן מיט א בודזשעט

ישראל דוד העסקעל



אוי אוי אוי... גליטש, האק, זעץ, איבערגעדרייט, אהההההההה קולות אויפן גאס... קראך! ער האט עס געהערט ס'איז געווען א קראך!

ער איז אנגעטון אינעם שיינעם אנצוג, פריש געמאכט די פיאות, זיך געפוצט די שוך, אויסגעקעמט די בארד, אויפן וועג ארויס צום בר מצוה, ס'גייט זיין א שיינער אוונט, א רואיגע אטמאספער, א אידישע שמחה, וואס קען זיין שענער פון דעם... און...

און יעצט ליגט ער דארט ביי די זייט גאס אינעם געמויזאכטץ פון מאראסט, בלאטע, שניי און אייז, יסורים נוראים, די קאפ פליט, ער איז אינגאנצן צומישט, ער ווייסט נישט וואס צו טראכטן ערשט...

ביי א מענטש וואס דרייט זיך אין א פלאץ וואו אמונה איז נישט פון די עקרים אין וואס מען קאכט זיך דארט, נאר מען איז מער פארנומען מיט וועלכע סארט גארטל, הוט מען גייט, אדער אנדערע אומוויכטיגע זאכן.... וואלט די סצענע לכאורה אויסגעזען אזוי:

פונקט יעצט? הע? פונקט יעצט ווען איך בין אויפן וועג צו א בר מצוה? ווער האט נישט געקענט לייגן קיין זאלץ אויף די אייז



דא? וואס איז פשט פון די נארישע בלאטע? איך גיי די ערשטע זאך קאמפלעינען צו די שטאט!

דא גייט זיין א לאו סאוט, איינער גייט באצאלן א טייערע פרייז פאר דעם, וואס איז דער חוצפה?

זיין ווייב כאפט אויך אריין קולות "האסט מיך נישט געקענט זאגן אז דא איז דא אייז? פארוואס האסטו מיך נישט געווארנט? האסט נישט געקענט אביסל באזאלצן? פארוואס האב איך געמוזט אראפ פאלן? ס'האט נישט געקענט זיין קיין בעסערע צייט?"

ברוגז אויף יעדעם איינעם, יעדער איז שולדיג, ס'האט קלאר נישט געדארפט פאסירן, עסט זיך דאס געזונט און רעגט זיך אויף יעדעם איינעם, די הצלה לייט האבן פון אים געכאפט, דער דאקטער איז אויך אביסל שולדיג געווען, קשיות און טענות ווי אזוי קען אזא זאך צו אים פאסירן?



***

איך וואש זיך די הענט יענעם צופרי נאך די מקוה און העכער די סינק באמערקט איך א גאר אייגנארטיגע צעטל

*אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו - פאר מיין אייניקל.*

*לעבן מיט א ("budget") אדער חשבון הנפש*

*מיט בערך 720 מינוט צוריק בין איך ארויס פון הויז מיט א חשבון צו פארן צו א בר מצוה!*

*אבער איך האב געכאפט א "גליטש" און געפאלן אויף מיין "האנט".*

*איך האב געלאכט "הייליגער באשעפער אלעס וואס פאסירט און געשעט איז מיט א חשבון, העלף טאטע ליסער איך זאל וויסן אויף וואס תשובה צו טון".*

*א מעשה פון תפילה.*

*פונקט 9:00 קום איך צו מיין "מקום קבוע" (נעבעך) א טייערער לעכטיגער חבר ליגט דארט, און איך זאג wow האסט גענומען "מיין פלאץ"! פון מיין זייט איז עס געווען א joke (וויל) אבער ער האט זיך אויפגעשטעלט און געגאנגען זיצן אויף א אנדערע "פלאץ", איך האב געפילט אזוי שלעכט, איך האב אים איבערגעבעטן. "עד כאן המעשה".*

*מדה כנגד מדה*

*געריקט א איד = מיין ביין איז ארויס פון פלאץ*

*געמאכט א איד וויינען אין הארץ = געריגן קולות אויפן גאס*

*אפשר שלאפט ער נישט פון צער = געווען אויף די נאכט פון צער*

*הייליגער באשעפער איך טו תשובה, פון יעצט!*

*טייערער ברידער בעט פאר מיך, איך האב ווייטאג*

*רופא כל בשר ומפליא לעשות*

*יישר כח,*

*עפרא*

איך דריי זיך אויס, א סקרוך לויפט מיר דורך דיביינער, אזוי צו זיין דבוק אינעם אייבערשטן! די גאנצע קאפ איז אנדערש געווייערט, א מענטש לעבט מיט א חשבון הנפש, קיינער איז אים גארנישט שולדיג, א מענטש לעבט מיט תשובה, אזויפיל קען איך זיך פון דעם קליינעם באשיידענעם אומשולדיגן צעטעלע ארויסלערנען!

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז מענטשן שטעלן אים אפ פרעגן ווען דער ראש ישיבה וועט שוין נעמען זיינע תלמידים אויף עפעס העכערע שטאפלען...

ווען וועט מען שוין רעדן פון עפעס העכערס אין היכל הקודש, מדרגות און תנועות, עפעס מער פון די פשוטע דיבורים, נאכאמאל רעדן צום אייבערשטן? נאכאמאל רעדן שיין אין שטוב? נאכאמאל הערן א שיעור ווי דער ראש ישיבה פרעדיגט אריין אין אונז קיינער


*אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו*
*פאר מיין אייניקל*
*לעבן מיט א ("Budget") אדער חשבון הנפש*
*מיט בערך 720 מינוט צוריק בין איך*
*ארויס פון הויז מיט א חשבון צו פארן*
*צו א בר מצוה!*

קומט דיך נישט גארנישט? נאכאמאל הערן אז גארנישט פאסירט אומזיסט דער אייבערשטער פירט די וועלט? נאכאמאל לערנען א בריוו טו תשובה קער דיך צוריק צום אייבערשטן זיי מתקן דיינע מעשים?

יא יא שיינע זאכן אין היכל הקודש אבער אזוי פשוט... וואס וועט מיט ענק זיין?

דער ראש ישיבה פארציילט אז א בחור איז געקומען אין ישיבה ווייל ער האט





געוואלט מקורב ווערן צום רבי'ן און מ'האט אים געזאגט אז אויב וויל ער ווערן א ברסלב'ער זאל ער קודם גיין אביסל צו היכל הקודש דארט איז די כיתה א' פון ברסלב, און נאך א יאר צוויי וועט ער שוין קענען גראדואירן צו די עכטע....

אבער דער בחור זאגט פאר דער ראש ישיבה אז כיתה א' איז אים גוט, ס'פעלט אים גארנישט דא, אין כיתה א' לערנט מען אים צו זיין דבוק צום אייבערשטן. דא הערט ער נאכאמאל און נאכאמאל אז דער אייבערשטער האט אים ליב און ווארט שוין ער זאל זיך אומקערן. דא הערט ער נאכאמאל רעדן פון כיבוד אב ואם, ער באקומט חיזוק אז מיט א טאטע מאמע איז נישט דא אזא זאך זיך טענהן אדער ענטפערן. דא רעדט מען פון תכלית אז מ'נעמט גארנישט מיט נאר תורה מיט מעשים טובים. דא הערט ער נאכאמאל און נאכאמאל די עצה פון רבי'ן גיי אין א שטילע פלאץ און שריי דיך אויס דיין הארץ צום אייבערשטן פארצייל אלעס דעם אייבערשטן!

ווען איך בין געווען אמאל אין בארא פארק האב איך געהערט פון מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו אז צו מוהרא"ש איז אמאל איינער געקומען מיט טענות ווען וועט שוין מוהרא"ש נעמען קהילת היכל הקודש אויף עפעס העכערע שטאפלען אלץ רעדט מען נאכאמאל די פשוטע דיבורים... ווען וועט מען שוין אנהייבן אויך אין היכל הקודש רעדן וועגן עפעס העכערס...

מוהרא"ש האט דעם איד געענטפערט איך ווייס נישט וואס איר ווילט, וואס קען זיין העכער פון רעדן דירעקט צום אייבערשטן? וואס זענען אלע מדרגות וואס דו רעדסט וועגן אויב נישט מהלכים צו קענען צום סוף צוקומען צו זיין דבוק אינעם באשעפער, און דא אין היכל הקודש גיימיר גראד צום תכלית, גראד צום שפיץ רעדן צום אייבערשטן אויפן אייגענעם שפראך און וויסן אז דער אייבערשטער הערט יעדעס ווארט וואס קען דען זיין העכער פון דעם?

דא זעמיר אין היכל הקודש אין דעם פשוטן פלאץ וואס יענער זאגט דא איז כיתה א' און דער צווייטער קען נישט פארשטיין פארוואס מוהרא"ש טראגט נישט אביסל ארויף זיינע מענטשן אויף עפעס העכערס...

אבער וואס פאסירט דא ווען א איד כאפט א זעץ? גראד לויפט זיין קאפ וואס ברויך איך תשובה טון, נישט קיין טענות, נישט קיין קולות, גראד לעבן מיט א בודזשעט מיט א חשבון הנפש, וואס איז שייך העכערס פון דעם?

דארט שטייט ר' עזרא ביים טיר פון מקוה מיט ריזיגע שמייכל אויסגעצויגן אויפן פנים, די הענט איז אים באנדאשירט מיט א גיפס, ער זאגט אויב קען איך נישט גיין זיך טובל'ן פארן אייבערשטן לאמיך כאטש זיך פרייען אז א צווייטער איד קען גיין אין מקוה.

וואס איז שייך העכער?

שכח אייבערשטער אז מיר געפונען זיך אויפן העכסטן פלאץ פון דער וועלט! שכח אייבערשטער פאר די זכי' פון קענען זיין נאך א טאג אין היכל הקודש, קענען הערן נאך א שיעור פון דער ראש ישיבה זוכה זיין צו קענען לערנען נאך א בריוו מיט די זעלבע ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל! אה מחי'!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

ZEBRA

*Coming soon...*


ועתה כתבו לכם
מעמד התחלת
על ידי
אנשי
שלומינו
לזכות רבינו
פרטים



את השירה הזאת
ספר תורה
תלמידי
היכל
הקודש
בן פיגא
יבואו



פון

# אפרים'ס טישל

**מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו** פון די בארימטע **קעי-בי ביזנעס סעלושענס** פירמע טיילט מיט אינפארמאטיווע אינפארמאציע וויאזוי צו פיילן די ביכער ריכטיג, ווי אויך איבערן "טעקס רעטורן" פראצעדור.

נפתלי הירצקא וואללנער



**א גוטן מיין טייערע חבר מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו.**

א גוט יאר.

**פאר מיר גייען אריין אינעם שמועס איבער דיין ביזנעס, וואלטן מיר קודם געוואלט פרעגן וועגן און וויאזוי זענט איר אנגעקומען אין היכל הקודש ברסלב?**

מיינע עלטערע ברידערס שיחי' האבן געלערנט אין ישיבה און זיי האבן מיר אויך געגעבן צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה, אזוי אויך האבן זיי מיר געוויזן די בריוון צו ליינען, און ס'האט מיר זייער געכאפט, איך האב מיך זייער מחי' געווען דערמיט, אזוי נאך א שטיק צייט הערן אסאך דרשות און שיעורים בין איך ברוך השם אריין לערנען אין ישיבה.

אן אינטערעסאנטע קרישקעלע איז געווען ווען איך בין אריין אין ישיבה האב איך געהאט דריי ברידערס עלטער מיר, און איך בין שוין אויך געווען אין די יארן, נאך אסאך תפילות האבן זיך זאכן אנגעהויבן צו רוקן, איינער נאכן צווייטן זענען חתנים געווארן ב"ה, אין פערצן חדשים האט מיין טאטע חתונה געמאכט פיר קינדער קע"ה! שכח אייבערשטער.

**יעצט לאמיר צוגיין צום ענין פון אייער פרנסה, אויב איר קענט אראפלייגן אין איין שורה וואס איז אייער ארבעט?**

איך צי מיין פרנסה פון בוקיפינג, דאס הייסט זען אז די נומערן פון מיין קאסטומער'ס ביזנעס - פון געלט וואס קומט אריין און גייט ארויס - זאל ריכטיג ווערן גערעכנט און אזוי ווייטער. לעצטנס בין איך אויך אריין אין אקאונטינג, וואס דאס נעמט שוין אריין אין זיך אסאך מער, סיי מען דארף גוט פארשטיין יענעמס ביזנעס און זען ער זאל ריכטיג אריינגעבן זיינע נומערן סוף יאר וכדומה, און סיי מען דארף גוט קענען די געזעצן פון די שטאט און אזוי ווייטער.

**אויב איר קענט אפשר מער מסביר זיין וואס איז אלץ די ארבעט פון א בוקיפער און או אקאונטענט?**

פאר די חשוב'ע ליינער - טייערע אנשי שלומינו ברסלב'ע חסידים - איז גוט באקאנט די שיחה וואס דער הייליגער רבי האט אנגעזאגט - און ווי די ראש ישיבה שליט"א חזר'ט עס כסדר ביי די שיעורים - אז מ'דארף זייער אכטונג געבן אויף געלט און זייער היטן דערויף, ווייל אזויפיל תורה און תפילה געבט מען אוועק פאר ס'ביסעלע געלט. אויך איז דא א שיחה פונעם רבי'ן אז ווען מ'פארט אינטערוועגנס און מ'וויל זיך שטעלן דאווענען, איז מזרח דארט ווי די רענצל איז, ווייל מ'דארף האלטן אן אויג אויפן רענצל ס'זאל נישט נעלם ווערן אינמיטן וועג. וועגן דעם איז געשטעלט געווארן א בוקיפער וואס ער זאל זאגן דעם גאנצן אמת פאר זיין בעל הבית צו מ'מאכט געלט אין די ביזנעס אדער מען דערלייגט דא געלט. דער ראש ישיבה דערציילט אלץ די מעשה איבער א איד וואס פארקויפט אתרוגים. די קינדער האבן געוויזן פארן טאט'ן אז יעדעס יאר נאך סוכות ווען מ'רעכנט צאם וויפיל מען האט פארדינט, דערזעט מען זיך מיט טויזנטער דאלער שאדן אזש ס'לוינט פשוט נישט צו האלטן אפן דאס געשעפט, האט דער טאטע געזאגט אז ער קען נישט פארמאכט דאס געשעפט ווייל ער קען נישט פארלירן קיין קאסטומער'ס... ס'איז אביסל לאכעדיג אבער אזוי זעען אויס מענטשן וואס לעבן אן א חשבון, מ'דארף וויסן וויפיל עס קומט אריין, פון וואו קומט עס אריין, וויפיל עס גייט ארויס און צו וואו גייט ארויס, אזוי אויך וויפיל בלייבט סוף וואך אין די קאסע. דער ראש ישיבה פירט שטענדיג אויס אז די זעלבע איז ברוחניות, מען דארף אלץ מאכן א חשבון וואס מען האט אין די הענט.

אן אקאונטענט איז אויך זייער וויכטיג פאר א ביזנעס צו האבן, ווייל סוף יאר דארף מען איינגעבן פאר די שטאטישע באאמטע וויפיל מען האט געלייזט, און זיי זאגן נאכדעם וויפיל שטייער מען דארף צאלן געוואנדן לויט וויפיל געלט האסט פארדינט,

> "ס'איז אביסל לאכעדיג אבער אזוי זעען אויס מענטשן וואס לעבן אן א חשבון, מ'דארף וויסן וויפיל עס קומט אריין, פון וואו קומט עס אריין, וויפיל עס גייט ארויס און צו וואו גייט ארויס, אזוי אויך וויפיל בלייבט סוף וואך אין די קאסע, און אזוי ווייטער..."

אויב מ'האט איבער געצאלט, אדער מען איז א שוואכער פארדינער וכדומה געבט די שטאט צוריק געלט געוואנדן לויט וויפיל קינדער מען האט און נאך פאקטארן וואס איז גורם מען זאל צוריק באקומען געלט.

**פארוואס האט איר זיך אריינגעלאזט דווקא אין די סארט ביזנעס?**

שכח אייבערשטער אז איך האב א ראש ישיבה וואס איך פרעג יעדע זאך! פאר מיין חתונה האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה וועלכע פאך איך זאל נעמען נאך מיין חתונה, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט "זיי נישט קיין בטלן לערן דיך אקאונטינג", ווייל ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי נישט געהאלטן פון ארבעטן פאר א צווייטן ווייל די ברכה האט נישט ווי צו חל זיין, מען איז צוגעבינדען צו א וועכענטליכע געהאלט, דעריבער שטופט דער ראש ישיבה אלץ די אינגעלייט זאלן זיך עפענען אייגענע ביזנעסער. אבער מיינט נישט אז דאס הייסט סוקסעספול! דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט "די אמעריקאנע טיפשים מיינען אז איינער וואס האט א אייגענע ביזנעס, ער האט א הויז מיט א שיינע קאר דער איז סוקסעספול, סוקסעספול איז איינער וואס דאווענט די דריי תפילות שחרית מנחה מעריב מיט מנין און ער לערנט מקרא משנה גמרא מדרש הלכה וכו' וכו' דאס הייסט סוקסעספול".

**ס'דא אינגעלייט וואס ווילן וויסן פארוואס ווען מען געבט איין טעקס ריטורן, פון איין אקאונטענט באקומט מען צוריק איין געוויסע סכום און פון א צווייטן באקומט מען א אנדערע סכום, אין וואס ווענדט זיך עס?**

דער רבי' האט געזאגט אז מ'קען קנייטשן זיין ספר ווי אזוי מ'וויל ווילאנג מען גייט נישט אוועק א סעיף קטן פון שלחן ערוך, להבדיל אלף אלפי הבדלות ביים איינגעבן די טעקס ריטורן איז אויך אזוי, ס'דא כלליות'דיגע געזעצן וואס מען דארף נאכגיין, אבער מ'קען אביסל קנייטשן דא, קנייטשן דארט, איז ווענן דעם קומט יעדער אקאונטענט אויף מיט אנדערע סכומים.

**איז דא עפעס וואס מענטשן ווייסן נישט ווען טעקס ריטורן וואס איר וואלט געוואלט קלאר מאכן?**

יא. איך וויל אפעלירן צום ברייטן ציבור אז מען זאל קומען אפנעמען די טעקס ריטורן ווייל די שטאט שיקט שווערע געלטער אז אידן זאלן האבן אויף שבת צו מאכן און אז אידן זאלן נישט זיין חס ושלום זיין געדרוקט אין קיין חובות, התורה חסה על ממונם של ישראל, עס איז ממש א שאד אז די געלט זאל בלייבן ליגן בידי זרים.

**האט איר אן אינטערעסאנטע עפיזאד וועגן אייער ביזנעס וואס איר קענט מיטטיילן מיט די חשובע ליינער'ס?**

איך האב געהערט א אינטערעסאנטע מעשה מיט א געוואלדיגע מוסר



השכל, די אמעריקאנע געזעץ זאגט, אז יעדע בירגער וואס האט א ליגעלע איינקופט קען נהנה זיין פון די טעקס ריטורן געלטער. עס זענען געווען אינגעלייט וואס וואוינען אין ירושלים עיר הקודש וואס זיי האבן אריינגעגעבן טעקס ריטורן פאר די אמעריקאנער רעגירונג, און ביי זייערע פארדינסטן האבן זיי אריינגעשריבן אז זיי באקומען א כולל טשעק פון די ארטיגע כולל, די אינסטאנצן האבן באמערקט אז כמעט יעדער אמעריקאנער בירגער וואס וואוינט אין דעם געגענט געבן איין די זעלבע ענטפער. האבן די איי. אר. עס. אפגעמאכט אז זיי דארפן עס נאכקוקן פון דער נאנט. זיי האבן אראפגעשיקט עטליכע אגענטן צו די שמאלע געסלאך אין די מאה שערים געגנט אויספרעגנדיג עטליכע פארבייגייענדע איינוואוינער, זענען זיי געקומען צו די ענדגילטיגע באשלוס אז א כולל הייסט נישט קיין ריכטיגע ארבעט, ווייל מ׳ארבעט נישט פאר די קאמפאני, נאר עס איז אזוי ווי א מתנה וואס מ׳געבט פאר די חשוב׳ע לומדי תורה און עס הייסט נישט באצאלט... איז טאמער דער גוי האט פארשטאנען אז די געהאלט וואס מ׳געבט פאר די כולל אינגעלייט איז נאר א מתנה ווייל מ׳קען נישט געהעריג אפשאצן איר ריכטיגע ווערד, דארף דאס דער איד זיכער פארשטיין און טייער האלטן און שטיצן די חשוב׳ע לומדי תורה. איך בין טאקע ארויסגעגאנגען ארבעטן, דאך בין איך מקנא די כולל אינגעלייט וואס תורתו אמונתו, און זיי וויסן נאר פון די ד׳ אמות של הלכה, וואויל איז זיי! וואויל איז דער וואס שטיצט זיי! און וואויל איז דער וואס האלט זיי חשוב און טייער!

**עפעס א טיפ וואס איר וואלט געוואלט איבערגעבן פאר די טייערע לייענער?**

פאר די וואס האבן נאכנישט קיין בוקיפער זאלט איר אין אכט נעמען אז עס איז זייער וויכטיג צו וויסן ווי די ביזנעס האלט און אייערע פארדינסטן, צו מ׳קען אביסל אויסברייטערן אדער מ׳דארף אביסל איינציען, איך בין גרייט





פארן ציבור ווער ס'דארף הילף אדער עדוויס קען זיך פארבינדען מיט מיר אויף 845-293-7667.

און פאר די וואס האבן שוין א בוקיפער איז זייער וויכטיג צו לאזן וויסן פאר דיין בוקיפער פאר די טוסט עפעס דראסטיש ווי למשל מאכן א גרויסע טראנזעקציע פון דיין באנק, ווי איידער לאזן וויסן נאכדעם און זיין א צועק לשעבר. נאך א זאך, עס זענען דא מענטשן וואס האבן קרעדיט קארדס וואס לויפן חודש'ליך און דער מענטש באמערקט עס אפילו נישט, אבער דער בוקיפער באמערקט עס יא...

**יעצט וועלן מיר שטייען אין די פרייליכע אדר טעג אפשר האסטו עפעס א פרייליכע ווערטל צו ענדיגן דעם שמועס?**

עס איז געווען א רייכער ביזנעסמאן וואס האט געוואלט אויפנעמען אן אקאונטענט, האט ער אריינגערופן איין אינגערמאן וואס האט זיך אנגעטראגן

"די אמעריקאנע טיפשים מיינען אז איינער וואס האט א אייגענע ביזנעס, ער האט א הויז מיט א שיינע קאר דער איז סוקסעספול..."

פאר די פאסטן און ער פרעגט אים "וויפיל איז 1 מיט 1"? ענטפערט יענער גלייך "2", קענסט גיין - זאגט אים דער בעל הבית. קומט אריין א צווייטער און ער פרעגט אים די זעלבע שאלה "וויפיל איז 1 מיט 1"? דער איז שוין געווען א שטיקל חכם האט ער ענטפערט גלייך 11! 11? וואו קומסטו אן צו 11? זאגט ער וואס הייסט 1 מיט 1 איז 11! ער האט אים אויך אוועקגעשיקט. קומט אריין א דריטער און ער פרעגט אים דאס זעלביגע "וויפיל איז 1 מיט 1"? ענטפערט דער אינגערמאן "וויפיל ווילט איר ס'זאל זיין?" "דו ביסט א גוטער אקאונטענט" זאגט ער אים, און ער האט אים אויפגענומען...

**זייער גוט! א גרויסן שכח, פארן אוועקגעבן פון דיין צייט, מיטצוטיילן מיט אונז די אלע רייכע אינפארמאציע, דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן עס זאל אריינקומען א ברכה במעשה ידיכם און א פרייליכן ליסטיגן חודש אדר.**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל

היכל הקודש



## בריוו פונעם ראש ישיבה

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, שובבי״ם, י״א אדר א׳, שנת תשפ״ד לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

אז דו דארפסט א ישועה זאלסטו נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא״ש, **מוהרא״ש האט צוגעזאגט, ווער עס וועט העלפן דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים, בפרט ספר אשר בנחל - וועט זען אפענע ישועות.**

מוהרא״ש פלעגט בעטן פינף הונדערט דאלער פאר א זכות צו דרוקן אשר בנחל, מיר זענען געבליבן מיט די אלטע פרייז, און ווער עס העלפט דרוקן די ספרים און קונטרסים - זעט אפענע ישועות.

מיר האבן יעצט אסאך פרישע קונטרסים צו דרוקן, מירווארטן אויף נדבנים, ווער עס וויל נעמען א חלק אין מקרב זיין און מחזק זיין נשמות ישראל מיט די עצות פון רבי׳ן.

קומענדיגע וואך ענדיגן מיר מסכת בבא קמא און מיר הויבן אן מסכת בבא מציעא, איך וויל דיך מחזק זיין זאלסט היינט אנהויבן **לערנען דעם בלאט גמרא**, אפילו נאר בגירסא, בלי הבנה; מוהרא״ש זאגט, ווער עס לערנט גמרא יעדן טאג - דארף שוין נישט קיין שום תיקון; גמרא וואשט אים אפ, גמרא פארברענט אלע שלעכטס.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

## א מעשה פון הפצה

ברוך השם איך האב יעדע וואך די זכיה צו לייגן גליונות אין בתי מדרשים. איין וואך בין איך נישט געווען ביים ליל ששי שיעור האב איך נישט געקענט נעמען די גליונות פון דעם אינגערמאן וואס ברענגט מיר עס יעדע וואך, האט ער מיר עס געדארפט ברענגען פרייטאג פארנט פון א שול.

איך קום ארויס פון די קאר טרעף איך א אינגערמאן וואס א וואך פריער האב איך אים געגעבן א גליון (איך האב דעמאלטס זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען מאכן הפצה מיד ליד, חוץ פון אראפ לייגן אין בית המדרש, "דא האסטו א שיינעם גליון לכבוד שבת", ער געבט א קוק אה ברסלב, יישר כח.) טרעף איך אים יעצט שטיין נעבן מיר, פרעג איך אים, אפשר ווילסטו א גליון? זאג ער ניין איך דארף נישט סתם די פשוט׳ע גליון, איך וויל האבן מיט די בילדער די ׳קרית ברסלב בלעטל׳, זאג איך אים איך האב נישט קיין איבעריגע, אבער דא איז דא איינער מיט א קאר אפשר האט ער א איבעריגע, איך גיי צו צום קאר, איך קלאפ אויפן פענסטער, (קלמן אליעזר עגמי) און ער האט ברוך השם א בלעטל, איך האב עס געגעבן פאר דעם אינגערמאן.

פון דעמאלס ווען איך טרעף אים פרעגט ער "האסט פרישע סחורה"? אזוי האב איך אנגעהויבן מאכן מיט אים קאנטאקט איך זאל אים קענען געבן די בלעטל, די עצתו אמונה.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

## נייעס פון קרן הדפסה

### קרן הדפסה גרייט זיך איבערצודרוקן אשר בנחל אידיש חלק א׳

אין די לעצטערע יארן פון מוהרא״ש׳ס הייליגע לעבן ווען עס האבן זיך אנגעהויבן פארמערן תלמידים וואס האבן נישט פארשטאנען לשון הקודש, האט מוהרא״ש אנגעהויבן צו שרייבן מערערע בריוו אויף מאמע לשון, אויף אידיש ספעציעל פאר אנשי שלומינו אין אמעריקע. פון די אלע בריוו האט זיך צוזאם געקליבן עטליכע הונדערט בריוו, וואס דער קרן הדפסה האט הערליך מסדר געווען און אפגעדרוקט אין זעקס הערליכע בענדער.

מען האט שוין געדרוקט די ספרים איין מאל און נאכאמאל און צוגעלייגט פילע תיקונים ווי מפתחות און א שטארקע הגה, און וויפיל מען דרוקט איז נישט גענוג נאכדעם וואס די טייערע מפיצים נוצן אויס אלע ספרים גאר שנעל.

יעצט גרייט זיך דער קרן הדפסה איבערצודרוקן דער ערשטער באנד אין א הערליכער פארמאט מיט א הארטע דעקל, מען קען זיך ווענדן צום גבאי מו״ה לייבי ראטה הי״ו אויף 1-347-578-4449 צו קויפן זכותים אין דעם הייליגן ספר אויף וואס מוהרא״ש האט קלאר מבטיח געווען אז ווער עס וועט דרוקן דעם ספר וועט זען ישועות בכל ענינים.

אויך קען מען קויפן דער ״זכות מהדורה״ פאר צען טויזנט דאלער, וואס מיט דעם וועט דער גאנצער שיפמענט גיין אויפן אייביגן זכות פונעם נדבן, אן אומשאצבארע זכות וואס מען קען נישט באגרייפן.

**כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים**

## בילדער פון קרן הדפסה


מען לאדענט אראפ די פרישע מעשה׳לעך פאר קינדער


גרייט צום פארקויפן די מעשה׳לעך פאר קינדער


נייע ענגלישע קונטרסים אריין צום דרוק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

**אשר לעמיל זוסמאן**
קרית ברסלב

**מענדל באלאבאן**
מאנסי

**יעקב האלפערן**
סטעטן איילענד

**יואל טייטלבוים**
קרית יואל

**יעקב גליק**
בארא פארק

**יוסף ווייס**
וויליאמסבורג

**לייבי ליבערמאן**
לעיקוואוד

**אשר לעווי**
דזערזי סיטי

**יעקב דוב כהן**
קרית יואל

**יואל מארקאוויטש**
בארא פארק

**אשר בערקאוויטש**
מאנטריאל

**יואל משה פליישמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email:**donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **347.578.4449**

# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM








א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449



New item

KB Seamstress

Adjustable Strap reflectors for ladies and kids.
price $5.50.
Call L Weberman
845-662-4083




## ברית גמ"ח

צו באקומען א ברית
סעט בשעת א שמחה.

רופט משפחת בוים
347-786-1767

צו באקומען פרישטאג
פאר א קימפעטארן

רופט משפחת בוים
347-786-1767



ש.ל. פליישמאן

# שיינער אין גקאמען

ב׳ תרומה תשפ״ד
נחת אווענט בית פיגא קרית ברסלב

נעכטן בין איך אנגעקומען,
צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.
געווארן בין איך איבערגענומען,
מיט געפילן פאזיטיווע!

איך האב זיך אויפגעפרישט
און נאכאמאל זיך דערמאנט
פון די וועלט נישט ווערן צומישט
און אנהייבן פון היינט.

דערציילט האט דער ראש ישיבה,
ווי די אמהות האבן געלעבט.
זייער גאנצע שאיפה,
צו באשעפער זיך צו געקלעבט.

א גאנצע וואך
גענוג און נאך.
די חלה טייג האט געקלעקט
אין די אמהות געצעלט.
קיינמאל געפעלט
א ברכה אין דעם געשטעקט.

די וואלקן פון העכער,
א סימן אויף זיכער.
עס האט דארט גערוהט די שכינה.
ליכטיג צווישן די ווענט,
די לעכט האט געברענט,
א גאנצע וואך געשעפשעט א תחינה.

א גאנצע וואך געברענט איז פשט
אז זיי האבן מיטגענומען די לעכט צינדן צייט.
כסדר א גאנצע וואך
תפילות נאך און נאך.
אז מען בעט אינמיטן באקן און קאכן
זענען די שבת לעכט אנגעצינדן אינדערוואכן.

דו קענסט בעטן ביי די לעכט,
נישט נאר ווען עס ברענט עכט.
א גאנצע וואך פון באשעפער טראכטן,
מיט קדושה וועט דיין שטוב לייכטן.
אינמיטן דיין רוימען און קאכן כסדר בעטן,
וועסטו אין די אמהות וועגן טרעטן.

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**וויפיל מאל א טאג האט דער הייליגער רבי אנגעהויבן פון ניי זיין אן ערליכער איד?**

א. 0
ב. 1,000
ג. 18
ד. איין מאל - ביי תחנון

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ווען דער הייליגער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט דער רבי געזאגט:

**איך האב אייך געברענגט א מתנה - מחלוקת!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**פייגי אינדיג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

בעט דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל **זיין פרייליך איז די וויכטיגסטע זאך;** א מענטש קען אלעס האבן, אויב איז מען נישט פרייליך - וואס האט מען פון די לעבן?

ארבעט אויף די מידה פון זיין פרייליך; מיין נישט עס איז א קלייניקייט, זיין פרייליך איז די וויכטיגסטע זאך. שמחה איז דער מקור פון קדושה, און פארקערט, עצבות - איז די מקור הטומאה. דערפאר דארף מען טון אלעס אויף די וועלט צו זיין פרייליך, ווייל אזוי איז מען מבטל די טומאה.

(עצות אמונה פרשת בהעלותך תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ס | ד | י | ד | צ | צ | ה | ע | ב | י | נ | י | ש | ט |
| ע | ח | ז | ד | נ | י | ע | ט | י | ד | ס | ה | ז | ז | מ |
| ה | י | ד | ק | ט | א | פ | ו | נ | ע | ח | ח | י | א | ז |
| א | פ | י | ע | ש | ו | א | מ | ל | מ | ז | י | י | ל | כ |
| מ | ר | ב | נ | ר | נ | ר | א | ש | ל | נ | י | נ | ע | מ |
| ו | י | ג | ו | ע | פ | פ | ה | ט | ש | י | נ | י | ס | י |
| ט | י | ד | ו | ב | ת | א | י | ז | ה | ל | ס | י | נ | ד |
| ד | ל | ל | י | י | ו | ו | ר | ו | ט | פ | ש | מ | ח | ה |
| ע | י | ז | כ | י | ו | ל | א | ב | א | ו | י | פ | י | א |
| ק | כ | ד | ט | א | י | ז | מ | ר | ה | ט | ק | ו | י | ר |
| פ | ר | י | י | ל | י | כ | ק | כ | ב | כ | א | ז | ע | פ |
| נ | ג | ז | ג | ל | ל | ע | כ | י | ו | ע | צ | ד | ד | ר |
| ע | ד | צ | ס | פ | ר | ח | א | ל | ה | ה | ט | ש | ד | א |
| מ | ד | מ | ט | ט | י | י | ק | י | נ | י | י | ל | ק | ד |
| י | ס | ק | ע | ו | ש | א | ק | י | ז | ז | י | י | נ | מ |
| ק | ד | ו | ש | ה | נ | ו | ד | ר | א | ע | ו | ג | ע | ק |
| ג | נ | ר | מ | מ | ש | י | ז | פ | ס | ז | צ | נ | ד | א |
| מ | ב | נ | ק | פ | ע | פ | י | ו | א | צ | ט | ב | ז | פ |
| פ | ע | ז | ו | צ | ו | נ | א | נ | ו | ש | פ | א | ו | צ |
| נ | ל | נ | ר | ט | ל | ע | ו | ו | ו | מ | ל | ה | ה | ת |

## טרעף די וועג

*משנכנס אדר מרבין בשמחה!*





## שיחות פון רבי'ן פארהער

*וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?*







### *ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "די וועלט איז נישט און מען קען זי נישט באקומען, תורה ותפילה איז יא און מען קען איר קריגן".

## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**יג. בְּמָקוֹם שֶׁעוֹשִׂין תְּנָאִים [תְּנַאִי] אוֹ אֵיזֶה כְּרִיתוּת בְּרִית, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שָׁם הוּא.**

אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען מַאכְט דָארְט אַ תְּנָאִים, אָדֶער מֶען שְׁלִיסְט אַן אָפְּמַאךְ מִיט אַ בּוּנְד, גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

*דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"*

# קינדער טאלאנטן




פערלע לעסער - קרית ברסלב



נחמן פוקס - קרית ברסלב




מענדל פורסט - קרית ברסלב



פייגי פינטער- מתנות לאביונים




פארשטעלאכץ פאר פורים
קטן פון בית פיגא ארץ ישראל



פייגי פינטער - קריאת המגילה



פייגי פינטער - משתה ושמחה



פייגי פינטער - משלוח מנות

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

רבקה אפפעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב




שמחה עליצה מזרחי תחי׳ - קרית ברסלב



# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט הערשי זאבעל




מסיבה פאר די כולל אין ביהמ״ד היכל הקודש מאנסי - א׳ תצוה תשפ״ד


קרעדיט Coast to Coast Carriers



גרויסע שיפמענט פון מעשה׳לעך פאר קינדערלעך #1 און #2 אנגעקומען אין בית הדפוס אין שטעטל


קרעדיט: שמעון פיש



דער ראש ישיבה שליט״א אין א שמועס מיט די בחורים פון ישיבה און פון שטעטל - ה׳ תצוה תשפ״ד



פרשת תצוה אין שטעטל חדר



קרעדיט: שמשון הערש טייטלבוים

גרויסע אויספארקויף אינעם השבת אבידה שטיבל אין שטעטל - ה׳ תצוה תשפ״ד



קרעדיט: שמעון פיש



אריינגעצויגן פרישע לעקטער פארן בנין היכל ראזענבערג







קרעדיט: יוסי פרערויא

סיום מסכתא דורך הילד ליפא איינהארן ני״ו בייס דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל הקודש בארא פארק



קרעדיט: שמעון פיש



דאנערשטאג נאכט שיעור אין היכל הקודש בארא פארק - ה׳ תצוה תשפ״ד
























אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש 8 העיס קרית יואל - מוצש"ק תצוה תשפ"ד



a personal visit™
+admarkny.com
We'll check up on you at home.
Talk about convenience.
HOW IT WORKS:
1. Call and speak to a team member about your concerns.
2. Get examined and tested in your home.
3. Discuss your results and care plan with the doctor.
Strep cultures. Flu & covid testing. Urine cultures. Ear examinations. Prescription refills.
Now Servicing the Liberty Area
we accept most major insurances
Medease
CARE AT HOME
718.208.2030
Info@medeasecare.com
medeasecare.com
Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Motzei Shabbos: From 1/2 hour after the zman

# מודעה משמחת

קרן הדפסה היכל הקודש גרייט זיך אין די טעג צו איבערדרוקן דעם ערשטן באנד פונעם הייליגן ספר **"אשר בנחל אידיש"**, געשריבן געווארן מיט מסירת נפש פאר אונז תלמידים אין אמעריקע דורך מוהרא"ש זי"ע, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט דא צו באקומען, קויפט א זכות און זעט אפענע ישועות.




*דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:*

אז דו דארפסט א ישועה זאלסטו נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, מוהרא"ש האט צוגעזאגט, ווער עס וועט העלפן דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים, בפרט ספר אשר בנחל - וועט זען אפענע ישועות.

זכות אשר בנחל $500

## הבטחת מוהרא"ש

עס איז אמת אז איך האב געזאגט אז ווער עס וועט האבן א חלק אין דרוקן די ספרים "אשר בנחל" וועט זען א ישועה, און איך בין זייער שטארק דערמיט. און נאך מער ווען עס וועט קומען דער טאג און איך וועל אוועקגיין פון דער וועלט, און איינער וועט קומען און דרוקן א חלק פון מיינע ספרים "אשר בנחל", וועט זען אפענע נסים, און איך וועל זיין פאר אים א מליץ יושר. (אשר בנחל מכתב ח'רנ"ג)

יעצט קען מען אויך האבן די זעלטענע געלעגנהייט צו קויפן דעם זכות מהדורה פאר $10,000

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449

קרן הדפסה "היכל הקודש"
להדפסת והפצת ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים בעולם

ZEBRA